# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת נצבים משנת תשפ"ב לפ"ק**

### בסעודת הילולא של כ"ק מרן בעל עזר מיהודה זצוק"ל

יום ב פרשת נצבים תשפ"ב לפ"ק

**מען** זיצט ביי די סעודת הילולא פונעם רב זצ"ל זיעועכ"י. איך וועל זיך שטעלן אויף א פסוק אין קהלת. - קהלת האט שלמה המלך געשריבן אפצולאכן פון די וועלט, הבל הבלים אמר קהלת הכל הבל, ער האט ארויסגעברענגט די נארישקייטן וואס א מענטש גייט אדורך ביי זיין לעבן אין עניני עולם הזה. - די לעצטע קאפיטל, ווען ער ענדיגט זיין גאנצע שמועס, ענדיגט ער, וזכור את בוראיך בימי בחורתיך, דו זאלסט געדענקן דעם אייבערשטען אין דיינע יונגע יארן, עד אשר לא יבאו ימי הרעה, בעפאר עס וועלן אנקומען די עלטערע יארן וואס זענען ימי הרעה, שלעכטע טעג, והגיעו שנים, און עס וועלן אנקומען די יארן, אשר תאמר, וואס דו וועסט זאגן, אין לי בהם חפץ, עס אינטערעסירט מיך שוין נישט דאס לעבן. א מענטש אויף דער עלטער, אסאך מאל, פון די שוועריקייטן וואס ער גייט אדורך, פארלירט ער די מוט פון אנצוהאלטן. דו זאלסט געדענקן דעם אייבערשטען עד אשר לא תחשך השמש והאור, ביז ווילאנג עס איז נאך נישט טונקל געווארן די זון מיט די ליכטיגקייט, והירח והכוכבים, ושבו העבים אחר הגשם, נאכן רעגן קומט אסאך מאל וואלקענעס וואס מאכן נאך טונקעלער, בעפאר עס קומען די טונקעלע זמנים, זאלסטו געדענקן דעם אייבערשטען. עס קומט א צייט, ביום שיזעו שומרי הבית וגו', ובטלו הטחנות כי מעטו, מען קען שוין נישט עסן געהעריג, וחשכו הראות בארבות, מען זעהט שוין נישט געהעריג. און דער מענטש פארלירט אלע זיינע גליסטונגען וואס ער האט געהאט פאר דעם. כי הולך האדם אל בית עולמו, עס קומט די צייט וואס א מענטש גייט צו זיין בית עולמו, רש"י טייטשט, אז דאס גייט ארויף אויפן קבר פונעם מענטש. דאס איז א בית וואס ער בלייבט דארט אויף לעולם. וסבבו בשוק הסופדים, און עס קומט די צייט וואס די סופדים טוען ארומגיין בשוק, און זיי טוען מספיד זיין דעם מענטש. הבל הבלים אמר הקהלת הכל הבל. און ער ענדיגט צו, סוף דבר הכל נשמע, את האלקים ירא, ואת מצותיו שמור, כי זה כל האדם.

**רש"י** ברענגט צו, אז אין וזכור את בוראיך, ליגט וואס עס שטייט אין די משנה (אבות ג-א) הסתכל בשלשה דברים, ואין אתה בא לידי עבירה, ווען א מענטש וויל זיין נזהר ער זאל נישט צוקומען צו קיין עבירות, זאל ער געדענקען, מאין באת, ולאן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון. און דאס אלעס ליגט אין וזכור את בוראיך. בוראיך דאס איז בארך, דיין קוואל, דיין מקור פון וואו דו קומסט. און עס איז בורך, דאס איז דער

בור, דער בית עולמו. און בוראיך, דאס איז דער אייבערשטער, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון.

**וזכור** את בארך, א מענטש דארף געדענקן מאין באת, פון וואו קומסטו, וואו האסטו געלערנט, ווי אזוי האט דיך דיין רבי מחנך געווען, ווי אזוי האבן דיך דיינע עלטערן מחנך געווען. אסאך מאל, גייט מען אוועק פון דעם וואס מען האט געלערנט ביי די עלטערן, מען גייט אוועק פון דעם וואס מען איז מחונך געווארן אין די יונגע יארן, און מען פארלירט זיך. וזכור את בארך, א מענטש דארף שטענדיג געדענקן דיין באר, דעם קוואל פון וואו דו האסט געשעפט. געדענקען דעם מאין באת, פון וואו דו ביסט געקומען.

**ער** זאגט כי הולך האדם אל בית עולמו. א מענטש גייט אל בית עולמו? ווען עס קומט דער בית עולמו, ווען ער שטארבט, גייט ער נישט, מען פירט אים אל בית עולמו. א מענטש גייט ווי לאנג ער לעבט, ווען ער איז עוסק אין זיינע געשעפטן, דאס ווערט גערעכענט אז ער איז א הולך. פארוואס זאגט ער אזא לשון הוה, כי הולך האדם, דער מענטש גייט, לבית עולמו.

**מען** געפונט אין די גמרא (עבודה זרה יט.) אשרי איש ירא את ה' (תהלים קיב-א), וואויל איז דעם מענטש וואס איז ירא את ה'. פרעגט די גמרא, אשרי איש, ולא אשרי אשה? פארוואס שטייט איש. זאגט די גמרא, אשרי, וואויל איז פאר דעם מענטש וואס טוט תשובה כשהוא איש, אין די יונגע יארן, ווילאנג ער איז ביי די כוחות, דעמאלטס קערט ער זיך צוריק צום אייבערשטען. און דאס איז וואס דער פסוק זאגט דא, וזכור את בוראיך, א מענטש דארף געדענקען דעם אייבערשטען, בימי בחורתיך, ווילאנג ער איז נאך אין די יונגע יארן. און אויף דעם זאגט ער, אשרי איש, וואויל איז דעם מענטש וואס טוט תשובה כשהוא איש, ווען ער איז נאך אין די יונגע יארן.

**און** דאס דארף אויך האבן א ביאור, וואס האט צו טון תשובה מיט די יונגע יארן אדער מיט די אלטע יארן. מען זאל געדענקען דעם אייבערשטן ווען מען איז יונג? מען דארף געדענקען דעם אייבערשטען שטענדיג! אוודאי דארף מען געדענקען דעם אייבערשטן ווען מען איז יונג, מען זאל נישט אדורכגיין דאס לעבן ליידיג, און נאכדעם וועט ער זיך דערמאנען תשובה צו טון. יעדן טאג וואס א מענטש איז מקדים זיך צוריק קערן צום אייבערשטען, פארדינט ער נאך א טאג. אבער עס האט דאך נישט צו טון מיט די יונגע יארן, אויף די עלטער דארף אויך א מענטש תשובה טון א טאג פריער ווי א טאג שפעטער, ער פארדינט נאך א טאג. וואס איז די נקודה וואס מען ברענגט ארויס, וזכור את בוראיך בימי בחורתיך, אז דו זאלסט געדענקען אשרי איש, ווען מען איז נאך א איש.

**איך** האב געזעהן אין **עזר מיהודה** פונעם רב זכרונו לברכה, אויף פרקי אבות, וואס ער ברענגט צו א **מדרש שמואל**, אויף די משנה (ג-ד) הניעור בלילה הרי זה מתחייב בנפשו. טייטשט דער מדרש שמואל, דער פסוק זאגט דאך דא, אז דאס לעבן פונעם מענטש איז טאג, ליכטיג, און ווען עס קומט די עלטערע יארן, רופט עס אן דער פסוק עד אשר לא תחשך השמש והאור, עס ווערט טונקל. קומט אויס, אז די צייט ווען א מענטש איז שוין אויף דער עלטער, ער איז שוין אדורכגעגאנגען דעם טאג, ער איז שוין נישט ביי די כוחות, ווערט אנגערופן לילה. זאגט דער מדרש שמואל, הניעור בלילה, ווען איינער וועקט זיך אויף פון זיין לעבן ווען ער איז שוין אויף דער עלטער, ער איז שוין בלילה. ער האט אדורכגעלאזט די יונגע יארן, און ווען עס קומט די עלטערע יארן מאכט ער זיך א חשבון הנפש וואו ער האלט, הרי זה מתחייב בנפשו, איז ער מתחייב בנפשו, ער האט אדורכגעלאזט זיינע יונגע יארן, וואס ער האט נישט געטון וואס ער דארף.

**און** דער רב ז"ל שטעלט זיך, פארוואס איז ער מתחייב בנפשו? א מענטש קען דאך תשובה טון שטענדיג, און ער קען אוועקגיין פון די וועלט זכאי. אפילו ווען ער האט תשובה געטון דעם לעצטן טאג, שטייט אין רמב"ם (הל' תשובה א-ג) ווערט אלעס נתכפר. פארוואס רופט מען אים אן,

אז ער איז מתחייב בנפשו? ער זאגט על פי דרכו צו פארענטפערן.

**עס** קען אפשר זיין א כוונה דערין. מען זעהט, ווען א מענטש ווערט געבוירען, ווערט ער געבוירען אלץ קליין קינד. און צוביסלעך צוביסלעך ווערט ער אלץ מער ערוואקסן, און מער ערצויגן, ביז ער קומט צו, צו זיין שלימות. א מענטש איז צוזאמגעשטעלט פון מיליאנען מיליאנען סעל"ס וכדומה, חלקים פון וואס דער מענטש איז צוזאמגעשטעלט. ער האט עס אבער נישט אין די רגע ווען ער איז געבוירן, ער קען זיך נישט אויפשטעלן, ער קען נישט גיין, ער קען נישט עסן אליין, ער האט נאר דעם חיות וואס ער האט באקומען, אז ער איז געבוירען געווארן אויף די וועלט, און עס איז דא רוח חיים. און מיט די צייט, וואס א מענטש ווערט אלץ עלטער וכדומה, ווערט ביי אים נתגדל, און עס ווערט ביי אים נתרחב, די חלקים פון זיין לעבן. פון יאר צו יאר, ווערט ער אלץ גרעסער, שטערקער, קלוגער, וואס ער האט עס נישט געהאט אין די יונגע יארן, נאר עס קומט צו מיט די צייט.

**די** משנה (אבות ה-כא) זאגט, בן שלשים לכח, דאס איז טייטש, עס נעמט דרייסיג יאר פאר א מענטש, פון ווען ער ווערט געבוירן, ביז ער קומט צו צו זיין שלימות! ביי די צוואנציג האט ער נאכנישט דעם כח וואס ער האט ביי די דרייסיג, עס האט אים גענומען דרייסיג יאר פון ווען ער איז געבוירן געווארן, ביז ער קומט צו, צו זיין כח. דער שכל, קומט אים צו נאך שפעטער. בן ארבעים לבינה, בינה קומט ער ערשט צו ביי די פערציג. דאס מיינט אז פון ווען ער ווערט געבוירען, איז ער נישט קיין אדם השלם, אלץ קומט צו נאך און נאך אין דעם מענטש, ביז די פערציג יאר וואס דעמאלטס ווערט ער א אדם השלם.

**דאס** האלט אבער נישט אן לאנג. דאס האלט אן נאר צוואנציג יאר. פון די פערציג יאר, ווען ער איז געקומען צום ריכטיגן שכל, ביז די זעכציג יאר, בן ששים לזקנה. און דעמאלטס הייבט עס אן צו גיין צוריק צו וועגס, ביז עס קומט די צייט וואס א מענטש לאזט איבער די וועלט. א מענטש שטארבט נישט אויף איינמאל. עס איז געקומען די צייט, עס האט זיך אויסגעלאשן די ליכטל, און ער איז אוועק פון די וועלט. א מענטש שטארבט צוביסלעך. אזוי ווי ווען ער איז געבוירען, האט גענומען צייט ביז ער האט זיך אנגעהויבן צו אנטוויקלען, עס נעמט אים יארן ביז ער ווערט ערוואקסן. די זעלבע, ווען ער קומט צו די זעכציג, בן ששים לזקנה, הייבן אן די סעל"ס פונעם מענטש, צוביסלעך, צוביסלעך, אפצושטארבן. ער האט שוין נישט די זעלבע כוחות וואס ער האט געהאט פריער. פארוואס? ווייל עס איז אפגעשטארבן געווארן ביי אים א חלק פון זיינע כוחות. ווי עלטער ער ווערט, ווערט ער שוואכער און שוואכער, ביז עס ווערט אפגעשטארבן דער חלק פון זיין גוף.

**די** זעלבע איז דער דעת פונעם מענטש, עס בלייבט נישט אייביג די זעלבע. ווען מען ווערט עלטער, הייבט מען אן צו פארגעסן, מען האט שוין נישט די שארפקייט וואס מען האט געהאט פריער. דאס מיינט, אז דער מח פונעם מענטש איז אויך די זעלבע, עס שטארבט נישט אפ אויף איינמאל, נאר עס שטארבט אפ צוביסלעך. ער האט נאך א קוסטא דחיותא, ער האט נאך א לעבן אין זיך, ביז עס קומט די צייט, און דאס לעצטע טראפעלע פונק וואס איז דא אינעם מענטש, לעשט זיך אויס. און דאס איז דער יום המיתה!

**רופט** עס אן דער פסוק, כי הולך אדם אל בית עולמו. א מענטש גייט פון טאג צו טאג אל בית עולמו. ער שטארבט נישט אויף איינמאל, ער שטארבט צוביסלעך. ווען א מענטש קומט צו, צו בן ששים לזקנה, ער הייבט זיך אן צו פארלירן די כוחות, ער גייט אל בית עולמו. א יאר ארום איז ער שוואכער, צווי יאר ארום איז ער נאך שוואכער, די יאר האט ער פארלוירן כך וכך פון זיין חיות, דעם קומענדיגן יאר האט ער פארלוירן נאך מער פון זיין חיות, ביז ער פארלירט זיין גאנצן חיות.

**זאגט** דער פסוק וזכור את בוראיך, א מענטש דארף געדענקען דעם אייבערשטען, בימי

בחורתיך, ווי לאנג ער איז נאך אין די יונגע יארן, עד אשר לא יבואו ימי הרעה, בעפאר עס קומען די ימי הרעה. ווייל דו זאלסט געדענקען, כי הולך האדם אל בית עולמו, דאס שטארבן איז נישט א זאך וואס קומט פון איין מינוט אויף די אנדערע, עס איז הולך אדם, א מענטש גייט, אל בית עולמו, ער שטארבט צוביסלעך. חלקים פונעם מענטש שטארבן היינט, און מארגן שטארבן נאך א פאר חלקים, און נאכדעם נאך א פאר חלקים, ביז ער גייט אינגאנצען אוועק פון די וועלט. אבער ער איז א הולך, פון טאג צו טאג גייט ער אל בית עולמו.

**ווען** א מענטש קומט אויף דער עלטער, און יעדע יאר פארלירט ער א חלק פון זיין לעבן, און דעמאלטס דערמאנט ער זיך תשובה צו טון, ער קערט זיך צוריק צום אייבערשטען. אוודאי איז דער אייבערשטער מוחל אויף וואס מען האט געזינדיגט, און ער קען אוועקגיין א איש שלם, אלץ די תשובה וואס ער האט תשובה געטון צום אייבערשטען. אבער דער חלק פון זיין נפש וואס איז שוין אפגעשטארבן, ווען ער האט נאכנישט געהאט געטון תשובה, דאס האט נישט קיין תיקון. ער האט דאך פארלוירן א חלק פון זיין לעבן, בעפאר ער האט תשובה געטון. עס איז אים שוין אפגעשטארבן א חלק פון זיין לעבן, און דער חלק וואס איז שוין אפגעשטארבן האט ער דאך נאך נישט תשובה געטון. דער חלק החיות וואס ער האט פארלוירן, בעפאר ער האט תשובה געטון, דאס בלייבט איבער אויפן מענטש מיט א פלעק.

**ווען** א מענטש טוט תשובה אין די יוגנט, ווען ער איז נאך בכח, ער האט נאך דעם גאנצן כח, און יעצט טוט ער תשובה, און ער דינט יעצט דעם אייבערשטען מיטן גוף, האט ער מיט זיין תשובה מעלה געווען זיין גאנצען גוף, זיין גאנצער חיות וואס ער האט, קען דינען דעם אייבערשטען. אבער טאמער ער דערמאנט זיך תשובה צו טון ווען ער איז שוין אויף דער עלטער, און ער האט שוין פארלוירן א חלק פון זיין לעבן, כי הולך אדם אל בית עולמו, ער גייט דאך אל בית עולמו, דעם חלק וואס ער האט פארלוירן, דאס האט ער נישט מתקן געווען.

**הניעור** בלילה, ווען איינער הייבט זיך ערשט אן אויפצווועקן ווען עס איז שוין נאכט, הרי זה מתחייב בנפשו, איז איבערגעבליבן אין זיין נפש א חלק וואס ער איז מתחייב. ווייל דער חלק וואס איז אפגעשטארבן געווארן בעפאר ער האט תשובה געטון, דאס האט ער נישט מתקן געווען. - וועגן דעם זאגט ער נישט סתם, אז מען זאל תשובה טון א טאג פריער, צו א טאג שפעטער. נאר מען דארף תשובה טון ווילאנג דער מענטש איז נאך ביי די כוחות. אשרי איש ירא את ה', ווען ער איז נאך א איש, בשעת ער איז נאך בכוחו, דעמאלטס ווען דו טוסט תשובה, האסטו מתקן געווען דיין גאנצן כח וואס דו האסט. אבער אויב ער טוט נישט תשובה ווען ער איז א איש, ער טוט תשובה שפעטער, ווען א חלק פון זיין לעבן איז שוין אפגעלעבט, און עס איז שוין אוועק געגאנגען פון אים, פעלט אים א חלק פון זיין תשובה.

**וועגן** דעם וזכור את בוראיך, אונז דארף מיר געדענקען דעם אייבערשטען, בימי בחורתיך, ווילאנג מען איז יונג, ווילאנג מען איז נאך ביי די כוחות, דעמאלטס דארף מען געדענקען דעם אייבערשטען, ווייל כי הולך האדם אל בית עולמו, דו שטארבסט נישט אויף איין מאל, דו ביסט א הולך אל בית עולמו, א מענטש שטארבט צוביסלעך. און דער חלק וואס איז אפגעשטארבן געווארן פון דיר, דאס פעלט שוין שפעטער ווען דו טוסט תשובה, דו האסט עס נישט מתקן געווען.

*

**די** גמרא (שבת קנב.) דרש'נט, כי הולך אדם אל בית עולמו, אז יעדער צדיק האט א מדור בפני עצמו, ער האט א עקסטערע וועלט אויבן. עס שטייט נישט ער גייט אל בית העולם, ער גייט אל בית עולמו. און די גמרא גיט א משל, אזוי ווי א מלך וואס קומט אריין אין די שטאט, וואס ער קומט אריין צוזאמען מיט אלע מענטשן וואס טוען באגלייטן דעם מלך. אבער נאכדעם צוטיילן זיי זיך. דער מלך באקומט א שיינע דירה ווי מען נעמט אים אויף, און דארט וועט ער נעכטיגן. דער

אדם חשוב וועט באקומען א שוואכערע דירה, און דער פשוטער מענטש גיט מען אים א גלעגער ווי ער קען זיך אראפלייגן דעם קאפ. זאגט די גמרא, אזוי אויך יעדער לאזט איבער די וועלט, און מען קומט אויבן אין הימל אויף איין שער, יעדער קומט ארויף די זעלבע, אבער דארטן הייבט זיך עס אן צוצוטיילן, און א מענטש דארף געדענקען כי הולך האדם אל בית עולמו, יעדער צדיק האט זיך זיין מדור בפני עצמו, וואס דארטן קומט ער אן.

**די** גמרא (שבת קנג.) זאגט דארט, עשה דברים לפני מטתך, א מענטש דארף טוען זאכן לפני מטתך, ויש אומרים, עשה דברים אחר מטתך. די גמרא זאגט, אז אמאל פלעגט מען מספיד צו זיין פאר די מטה, און אמאל האט מען מספיד געווען נאך די מטה. רש"י טייטשט, א מענטש דארף טון זאכן וואס ער וואלט געוואלט אז מען זאל עס נאך זאגן פון דיר ווען דו שטייסט אוועקצוגיין פון די וועלט. ביי דיין מטה, די זאכן וואס דו וואלסט געוואלט אז מען זאל רעדן פון דיר, די זאכן זאלסטו טון.

**א** מענטש קען זיין אריינגעטון זיין גאנץ לעבן אין עניני עולם הזה, ער האט אלע פארגעניגענס וואס ער דארף צו האבן. עס קומט צו עסן א נאכטמאל איז אים צוגעגרייט אלע מיני מאכלים, און ער קען זיך ערלויבן טועם צו זיין פון אלעם. ער האט א הויז דא, און א הויז דארט, ער קען האבן זיינע וויקעישאנ"ס ווי ער וויל וכדומה. ער מאכט געשעפטן, ער קויפט הייזער, ער קויפט דאס, און ער קויפט יענץ, די אלע זאכן אינטערעסירט אים נישט, אז מען זאל עס זאגן לפני מטתו! עס וואלט געווען א בזיון, אז מען זאגט לפני מטתו, אז דער מענטש האט געהאט גוטע סאפער"ס, און ער האט געהאט גוטע וויקעישאנ"ס וכדומה. פון דעם וויל ער נישט אז מען זאל רעדן.

**וואס** וויל ער יא אז מען זאל רעדן. פון די זאכן וואס ביים לעבן איז עס געקומען נאר אזוי בדרך אגב, עס איז געקומען א יוד וואס האט געדארפט א טובה, און ער האט אים ארויסגעהאלפן. ער האט געגעבן צדקה. ער האט זיך אראפגעזעצט לערנען א שיעור, ווען ער איז געווען מיד, די זאכן וויל ער אז מען זאל רעדן פון אים, און דאס וויל ער אז מען זאל געדענקען פון אים. די אנדערע זאכן איז אים א בזיון אפילו אז מען זאל רעדן דערפון. - זאגט די גמרא, א מענטש דארף שטענדיג טראכטן ביים לעבן, איך וויל טון זאכן וואס לפני מטתך, וואס עס זאל זיין צו רעדן דערפון פאר מיין מטה, איך זאל זיך נישט דארפן שעמען מיט די ווערטער וואס מען וועט רעדן.

**אסאך** מאל איז עס לפני מטתך, און אסאך מאל איז עס אחר מטתך, אפילו אסאך יארן שפעטער, ער וויל אז זיינע קינדער זאלן אים געדענקען, זיינע תלמידים זאלן אים געדענקען, דארף ער טון אזעלכע זאכן וואס עס זאל זיין וואס מען זאל קענען נאכזאגן פון דיר. וואס וועט מען קענען זאגן אויף דעם זיידן וואס איז אוועק, וואס וועט מען קענען פארציילן פון דעם עלטער זיידן, אז ער האט געטון אזוי און אזוי. אלע זאכן וואס ביים לעבן איז א חשיבות, די זאכן וויל ער נישט אז מען זאל רעדן. נישט דאס איז דער פונקט וואס ער וויל אז מען זאל ארויסברענגען. א מענטש דארף זיך שטענדיג זעהן צוצוגרייטן, און טון אזעלכע זאכן, וואס ער וויל אז דאס זאל זיין לפני מטתך. ווען עס קומט די צייט וואס מען וועט רעדן פון זיינע מעלות, זאל מען דאס קענען ארויסברענגען. עשה דברים אחר מטתך, טו אזעלכע זאכן וואס מען זאל עס קענען נאכזאגן ווען דו לעבסט שוין נישט, ווען דו ביסט שוין אוועק פון די וועלט.

**און** ווי מען האט פריער געהערט, דער רב זכרונו לברכה האט מרביץ תורה געווען אזויפיל יארן, מיט מסירת נפש זיך אוועקגעגעבן פאר די תלמידים, עס האט אים נישט אינטערעסירט עפעס אנדערש, נאר צו לערנען תורה. און מען זעהט אז עס איז שוין אדורכגעגאנגען אזויפיל יארן, איבער דרייסיג יאר, און מען רעדט נאך אלץ, אחרי מטתך ברענגט מען נאך ארויס די שיינע זמנים וואס מען האט געהאט. - און דאס זאגט דער פסוק, א מענטש דארף זיך אזוי פירן שטענדיג, אז מען זאל עס געדענקען אויף נאכדעם.

**יעדער** צדיק האט זיך זיין מדור, אזוי ווי די גמרא זאגט, כי הולך אדם אל בית עולמו. עס איז זיכער אז פון יאר צו יאר ווערט דאך נתעלה די נשמה, אזוי שטייט אין הייליגע ספרים, א יעדע יארצייט גייט א מענטש נאך העכער און נאך העכער. זיין גאנץ לעבן איז געווען אוועקצוגעבן זיך פאר די תלמידים, און מרביץ תורה זיין פאר אנדערע, איז אוודאי דא צו האפן, אז ער פארגעסט נישט פון די תלמידים ווייטער, אפילו ווען מען איז דארט. ווען עס קומט דער יום הדין, ראש השנה איז דער טאג פון די יארצייט, וואס אלע דארפן דאך האבן זכותים, איז ער אוודאי א מליץ יושר פאר אונז אלע, אונז זאל מיר געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס מען דארף צו האבן.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז די נשמה זאל האבן אן עליה, און זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, און כל שכן פאר די וואס טוען ארויסצוגעבן זיינע דברי תורה, ווי מען האט פריער געהערט, עס זאל בלייבן א זאך וואס איז א נצחיות אויף שטענדיג. אזוי זאגט די גמרא (יבמות צז.), אז ווען מען זאגט א דבר שמועה מפיו, שפתותיו דובבות בקבר. אז מען קען מאכן א רבי זאל רעדן אין קבר, איז א געוואלדיגער זכות. זאל דער אייבערשטער געבן, ער זאל זיין א מליץ יושר פאר די אלע וואס האבן צוגעהאלפן דערצו. און אונז אלע זאל מיר געבענטשט ווערן מיט א פריילין יאר, און א לוסטיג יאר, אלע תפילות וואס אונז בעט מיר זאל נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.

**מען** זאל געדענקן וזכר את בוראיך בימי בחורתיך, די אלע זאכן פון עולם הזה, דארף מען טאקע האבן, אבער נישט דאס איז דער ציל פונעם לעבן. עשה דברים לפני מטתך, מען דארף זיך ארײנלייגן און טון אזעלכע זאכן, וואס מען וויל אז דאס זאל זיין דער שמועס לפני מטתך, דאס איז דער עיקר ציל פונעם מענטש, אויסצונוצען דאס לעבן ווילאנג מען קען, עד אשר לא יבאו ימי הרעה, והגיעו שנים וואס מען וועט זאגן אין לי בהם חפץ.

**דער** באשעפער זאל געבן, אונז זאל מיר קענען אויסנוצן די טעג וואס דער באשעפער גיט אונז אויף די וועלט, צו דינען דעם אייבערשטען. כי הולך האדם אל בית עולמו, יעדן טאג און טאג ווערט מען נאנטער און נאנטער וואס מען גייט אל בית עולמו. אונז זאל מיר קענען אויסנוצן די צייט בעפאר מען האט נאך פארלוירן די כוחות, מען זאל זיך קענען צוריק קערן צום אייבערשטען, און דינען דעם באשעפער מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר אלע זאלן זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, און א פריילין יאר, שמחות און נחת ביי די קינדער און אייניקלעך, מיר זאלן אלע זוכה זיין, אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.